WE ARE YOUR DOL

NEW YORK STATE OF OPPORTUNITY. | Department of Labor

**מערערע-פאַקטאָר באַשטעטיגונג (Multi-Factor Authentication, MFA) אנהויב אנווייזונגען**

ניו יארק סטעיט האט אנגעהויבן נוצן מערערע-פאַקטאָר באַשטעטיגונג (MFA) אויף עטליכע פון אירע פאבליק-סערווירנדע אפליקאציעס. MFA איז א וועג צו פארזיכערן די זיכערהייט און פארלעסליכקייט פון אייער אקאונט. עס פאדערט א צווייטע פאַקטאָר פון אויפווייזן אז איר זענט ווער איר זאגט אז איר זענט אויסער בלויז א פאסווארד. אויב איר נוצט א MFA-באשיצטע אפליקאציע, אפילו אויב איינער וואלט צוגעטראפן אדער גע'גנב'עט אייער פאסווארד, וואלטן זיי נאכאלץ נישט געקענט באקומען צוטריט אן אייער צווייטע פאַקטאָר. אין צייט וואס א פאסווארד איז עפעס וואס איר ווייסט, איז די צווייטע פאַקטאָר עפעס וואס איר זענט (געווענליך געליינט דורך א ביאמעטרישע דעווייס) אדער עפעס וואס איר פארמאגט.

**עצה:** עס איז רעקאמענדירט אז איר זאלט אויפשטעלן מער ווי איין מערערע-פאַקטאָר באַשטעטיגונג מיטל.

**עצה:** אויב איר שטעלט אויף א מערערע-פאַקטאָר באַשטעטיגונג מיטל וואס נוצט א סעלפאון עפפ (Okta Verify אדער Google Authenticator), דאן דאונלאוד'ט די עפפ איידער איר דרוקט אויף די קנעפל עס אויפצושטעלן (Setup) אויף די "Set up multifactor authentication" (אויפשטעלן מערערע-פאַקטאָר באַשטעטיגונג) בראוזער בלאט. די צוויי מערערע-פאַקטאָר באַשטעטיגונג מיטלען וועלכע נוצן עפפס זענען Okta Verify און Google Authenticator. צו דאונלאוד'ן אייער עפפ יעצט, דרוקט דא פאר Androidאון דא פאר Apple דעווייסעס.

**באמערקונג: אלע סקרינשאטס זענען פון א קאמפיוטער סקרין אויסער אויב עס האט א סימן פון א סעלפאון.**

**אינדעקס**

**אויפשטעלן Okta Verify מערערע-פאַקטאָר באַשטעטיגונג**

**דאונלאוד'ען די Okta Verify עפפ אַרויף אויף אן Android דעווייס**

**דאונלאוד'ען די Okta Verify עפפ אַרויף אויף אן Apple דעווייס**

**נוצן די Okta Verify עפפ**

**אנווייזונגען אויף צו נוצן די Okta Verify עפפ צו סקענ'ען א QR קאוד**

**מעגליכע גרייז מעסעדזשעס**

**אויפשטעלן Okta Verify מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג**

אויב איר זענט נאכנישט איינגעשריבן אין MFA, וועט מען אייך צייגן זיך איינצושרייבן נאך איר לאג'ט אריין אין לעיבאר אנליין סערוויסעס און דרוקן אויף די "Unemployment Services" (ארבעטסלאזיגקייט סערוויסעס) אפליקאציע קנעפל.



אויף אייער קאמפיוטער סקרין, וועט איר זען א מעניו וואס בעט אייך צו אויפשטעלן אייער מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג.

1. אויף אייער סמארטפאון, דאונלאודט די Okta Verify עפפ.

2. אויף אייער קאמפיוטער סקרין, דרוקט Setup אונטער Okta Verify צו אנהויבן די אויפשטעל פראצעס.

3. דרוקט Setup אונטער Okta Verify.



4. א נייע סקרין וועט זיך עפענען אויף אייער קאמפיוטער. וועלט אויס אדער iPhone אדער Android וועלנדיג אין אייער דעוויס. אויב איר האט א Apple טאבלעט, וועלט אויס iPhone.

**אויב איר וועלט אויס Android, וועט איר זען דאס:**




מען וועט אייך אנזאגן צו דאונלאודען די Okta Verify עפּפּ פון די Google Play Store. אויב איר האט עס נאכנישט געטון, זאלט איר יעצט דאונלאודען די עפּפּ.

[דרוקט דא פאר אנווייזונגען אויף וויאזוי צו דאונלאודען די Okta Verify עפּפּ אויף אייער Android דעוויס.]

5. דרוקט די **Next** (ווייטער) קנעפל.

[דרוקט דא צו ווייטער גיין]

**אויב איר ווילט אויס iPhone, וועט איר זען דאס:**




מען וועט אייך אנזאגן צו דאונלאודן'ען די Okta Verify עפפ פון די App Store. אויב איר האט עס נאכנישט געטון, זאלט איר יעצט דאונלאודן'ען די עפפ.

**[דרוקט דא פאר אנווייזונגען אויף וויאזוי צו דאונלאודן'ען די Okta Verify עפפ אויף אייער Apple דעוווייס.]()**

6. דרוקט די **Next** (ווייטער) קנעפל.

**אנווייזונגען פאר דאונלאודן'ען די Okta Verify עפפ אויף אן Android דעווייס.**

7. אויף אייער סמארטפאון אדער טאבלעט, גייט צו Google Play. מאכט זיכער אז אייער סמארטפאון אדער טאבלעט לויפט אויף די לעצטע ווערסיע פון די ארבעט סיסטעם (OS).

8. אין Google Play, זוכט די Okta Verify עפפ.

9. איינמאל איר האט געטראפן די עפפ, דאונלאודן'ט עס און לייגט עס ארויף אויף אייער סמארטפאון אדער טאבלעט.
*(באמערקונג: עפפ קען אויסזען אביסל אנדערש ווענדנדיג זיך אין די ווערסיע פון די סעלפאון)*




[דרוקט דא צוריקצוגיין צו די הויפט בלאט]

**אנווייזונגען פאר דאונלאוד'ען די Okta Verify עפּ אויף אן Apple דעווייס.**

10. אויף אייער סמארטפאון אדער טאבלעט, גייט צו די App Store. מאכט זיכער אז אייער סמארטפאון אדער טאבלעט לויפט אויף די לעצטע ווערסיע פון די ארבעט סיסטעם (OS).

11. אין די App Store, זוכט די Okta Verify עפּ.
12. וועלט אויס די Okta Verify מאביל עפּ.
13. דאונלאדט און לייגט ארויף די עפּ.




14. איינמאל איר האט ארויפגעלייגט די Okta Verify עפּ אויף אייער סמארטפאון אדער טאבלעט, גייט צו די עפּ אויף אייער דעווייס און עפנט עס.

[דרוקט דא צוריקצוגיין צו די הויפט בלאט]

**עפענען די Okta Verify עפּ אויף אייער סמארטפאון אדער טאבלעט.**

15. אייער קאמפיוטער סקרין וועט יעצט ציינ א דיאלאג קעסטל מיט א QR קאוד אין עס.

- אויב איר קענט נישט סקענ'ען די פלינקע ענטפער (QR) קאוד, דרוקט די **Can't Scan?** (קען נישט סקענ'ען?) אויסוואל אונטער די QR קאוד אויף אייער קאמפיוטער סקרין. דרוקט דא פאר אנווייזונגען איבער די Can't Scan (קען נישט סקענ'ען) אויסוואל.




**דרוקט דא פאר אנווייזונגען אויף וויאזוי צו ווייטער גיין אויב איר קענט נישט סקענ'ען די QR בילד.**

16. גייט צו די Okta Verify עפּ אויף אייער דעוויס און עפנט די עפּ.

## נוצן די Okta Verify עפּ

17.וועט איר זען אזא סקרין.




18.דרוקט **Get Started** (הייבט אן).

19.די סקרין וועט זיך עפענען. דרוקט **Next** (ווייטער).



20. די סקרין וועט זיך עפענען. דרוקט **Add Account** (לייגט צו אקאונט).




21. די סקרין וועט זיך עפענען. דרוקט **Other** (אנדערע).



22. די סקרין וועט זיך עפענען. איר וועט באקומען די אויסוואל צו אדער **סקען א QR** קאוד אדער **אריינ'טייפ'ען די קאוד אליינס.** וועלט אויס איינס.

- צו אריינלייגן די קאוד אליינס, וועט איר דארפן נאכפאלגן די שריט אין די Can't Scan (קען נישט סקענ'ען) טייל פאר באשטעטיגן אליינס אן שטופ מעלדונג.[דרוקט דא צו ווערן געפירט צו די אנווייזונגען.]()



**אנווייזונגען אויף צו נוצן די Okta Verify עפּ צו סקענ'ען א QR קאוד:**

**אויף אן Android דעווייס**

23.די עפּ וועט בעטן פאר ערלויבעניש צו נוצן אייער קאמערא. דרוקט **OK** (גוט).




24.לייגט אייער סמארטפאון אדער טאבלעט'ס קאמערא איבער די QR קאוד וואס איז אויף אייער קאמפיוטער סקרין. די עפּ וועט אוטאמאטיש סקענ'ען אייער קאוד אריין צו די סעלפאון אדער טאבלעט.

25.גייט ווייטער צו [סקענ'ען א QR קאוד](#).

**איוף אן Apple דעווייס**

26. איר וועט זען א מעסעדזש אז ""Okta Verify" וויל האבן צוטריט צום קאמערא*. דרוקט **OK** (גוט).




27. גייט ווייטער צו [סקענ'ען א QR קאוד].

**סקענ'ען א QR קאוד**

28. אויף אייער קאמפיוטער סקרין, וועט איר זען די איינשרייבן סקרין מיט א בילד פון א QR קאוד.



29. אין די Okta Verify עפּ, דרוקט אויף **Add Account** (לייגט צו אקאונט).




30. לייגט אייער סמארטפאון אדער טאבלעט'ס קאמערא איבער די QR קאוד וואס איז אויף אייער קאמפיוטער סקרין.
31. נאך איר סקענ'ט די QR קאוד, וועט די סקרין ארויפקומען. וועלט אויס אדער **Allow** (ערלויבט) אדער **Skip** (ווייטער).


12:03
◂ Search
LTE
Okta Verify
Allow Push Notifications?
Approve or deny requests directly from push notifications without having to open the Okta Verify app.
Allow
Skip

32.איינמאל די QR איז געווארן גע'סקענ'ט, וועט די עפפ זיך טוישן צו א סקרין מיט א זעקס-ציפערן קאוד. די קאוד וועט זיך טוישן יעדע 30 סעקונדעס.

33.נאכ'ן סקענ'ען די QR קאוד ערפאלגליך אריין צו אייער סמארטפאון, וועט די קאמפיוטער סקרין זיך טוישן צו אויסזען אזוי:



34. איר וועט ווערן צוריקגעשיקט צו די איינשרייבן סקרין וואו איר קענט אריינלייגן נאך א מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטל. די סקרין וועט יעצט ציי גן אז Okta Verify איז אונטער די איינגעשריבענע פאקטארן קעפל. עס איז רעקאמענדירט אז איר זאלט אויפשטעלן מער ווי איין מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטל.




35. ווען איר האט שוין אויפגעשטעלט אלע מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטלען וואו איר ווילט, דרוקט די Finish (ענדיגן) קנעפל.

**עצה:** אויב איר שטעלט אויף א מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטל וואו נוצט א סעלפאון עפפ, דאונלאוד'ט די עפפ איידער איר דרוקט אויף די קנעפל עס אויפצושטעלן (Setup) אויף די " Set up multifactor authentication" (אויפשטעלן מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג) בראוזער בלאט. די צוויי מערערע-פאקטאר באשטעטיגונג מיטלען וועלכע נוצן עפפס זענען Okta Verify און Google Authenticator.

**דרוקט אויף Can't Scan (קען נישט סקענ'ען)**

36.דרוקט אויף Can't Scan וועט אייך געבן די אויסוואל אז מען זאל אייך שיקן אן אקטיוואציע לינק אויף אימעיל אדער SMS. [דרוקט דא צו איפשטעלן Okta Verify אליינס אן שטופ מעלדונג.]

**עצה:** [דרוקט דא פאר אנדערע מעגליכע סיבות פאר די גרייז, און וויאזוי עס צו פאררעכטן.]




37.מען וועט אייך שיקן א לינק. דרוקט אויף די לינק.

38.די לינק וועט אייך נעמען צו די Okta Verify וועבסייט.




39.דרוקט אויף **Get Started** (הייבט אן).

40.אייער סמארטפאון וועט אייך פארבינדן צו די Okta Verify וועבסייט און באשטעטיגן די לינק. איר וועט דאן זען אזא סקרין אויף אייער קאמפיוטער:



**מעגליכע גרייז מעסעדזשעס און וויאזוי זיי צו לייזן.**

41. גרייז מעסעדש: צייט איז אויסגעלאפן.
42. לעזונג: קונה מוז זיך נאכאמאל איינשרייבן.




43. גרייז מעסעדש: טאוקען איז נישט פאסיג.
44. לעזונג:
    a. קונה זאל איבערקוקן פונקטליכקייט.
    b. קונה זאל "שיקן" קאוד נאכאמאל.



45. גרייז מעסעדש: געפונען גרייז.
46. לעזונג: קונה מוז אריינלייגן קאוד.



47. גרייז מעסעדש: בארקאוד סקענ'ט נישט.
48. לעזונג:
    a. פרובירט אנדערע מיטלען געגעבן.
        i. "שיקט אקטיוואציע דורך SMS" - קונה קען אריינלייגן א טעלעפאן נומער.
        ii. "איפשטעלן אליינס אן א שטופ" - קונה וועט זען א צייטווייליגע קאוד.
        iii. "שיקט אקטיוואציע אימעיל" - קונה וועט באקומען אן אימעיל צו די אימעיל אדרעס גענוצט ווען געעפענט זייער אקאונט.




    b. "פארזיכערן קונה'ס דעווייס "ערלויבט" צוטריט צום קאמערא. (דרוקט דא פאר אנווייזונגען)

**אויפשטעלן Okta Verify אלייניס אן שטופ מעלדונג.**

49.וועלט אויס די אויסוואל. באשטעטיגט אלייניס אן שטופ מעלדונג.




50.איר וועט ווערן גענומען צו א סקרין וואס ענטהאלט א געהיימע קאוד.



51.אויף אייער סמארטפאון פאלגט אויס שריט 1-22 אויבן צו אנקומען צו די סקרין. וועלט אויס **אריינ'טייפ'ען די קאוד אליינס.**




52.לייגט אריין די קאוד אויף אייער קאמפיוטער סקרין אריין צו אייער סמארטפאון סקרין. אויף אייער סמארטפאון, וועט איר אריינלייגן אן אקאונט נאמען (געמאכט דורך אייך) און די קאוד אויף אייער קאמפיוטער סקרין. די סקרין אויף אייער סמארטפאון וועט אויסזען אזוי:



53. נאכ'ן אריינלייגן די אויבנדערמאנטע אינפארמאציע, דרוקט **Add Account** (לייגט צו אקאונט).
54. ווען די קאוד וואס איר האט אריינגעלייגט ווערט באשטעטיגט ערפאלגליך, וועט איר זען אזא סקרין:




55. דרוקט **Done** (געענדיגט).

[צוריק צו די הויפט בלאט]